— „על עסקי משפחותיו" (ענייני עריות) [8].

און דאָס וואָס דער יצר הרע טענה'ט, אַז רוחניות וועט אים ניט צופרידנ־שטעלן, און דוקא ווען ער וועט זיך אָפּגעבן אין גשמיות'דיקע זאַכן, און ער וועט זיי מער אָדער ווייניקער דערגרייכן, וועלן זיי אים באַפרידיקן — איז דער אמת פאַרקערט:

דער אמת'ער מהות פון אַ אידן איז רוחניות. און אויב ער זאָל זיך ח"ו אָפּרייסן פון רוחניות און זיך נעמען צו גשמיות, איז וויפל גשמיות ער וועט האָבן, קען עס אים ניט משביע זיין, וואָרום ניט דאָס איז זיין מהות [14]. דוקא רוחניות, וואָס דאָס איז אמיתית מהותו — אויב נאָר ער וועט זיין אַ „כלי ריקן" — אויסטאָן זיך פון דער אייגענער מציאות ומדידות — וועט ער „מחזיק" זיין, פאַרמאָגן און אויפ־האַלטן ניט נאָר די ענינים רוחניים, נאָר אויך די ענינים הגשמיים; עס וועט אים נשפע ווערן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, מערער וויפל אַ נברא קען פאַרנעמען [15], וואָרום גשמיות מיט רוחניות וועלן ביי אים ווערן איין זאַך, און ביידע וועלן זיין אין אַן אופן פון בלי גבול.

(משיחת ש"פ עקב תשכ"א)

# עשרים באב

א. דעם איינציקן מאָל וואָס איך האָב לע"ע געפונען עס זאָל דערמאָנט ווערן אין ש"ס דער טאָג עשרים באב *) איז אין מסכת תענית [1]. די משנה דער־ציילט דאָרטן, אַז כ' אב איז געווען אַ יום טוב ביי אַ געוויסער משפחה, צוליב דעם וואָס אין דעם טאָג האָט מען גענוצט זייער האָלץ אויפן מזבח אין בית המקדש. ס'איז געווען אַ צייט ווען אין דער לשכה איז ניט געווען קיין האָלץ, האָבן דאַן געוויסע משפחות זיך מתנדב געווען צו ברענגען האָלץ פאַרן מזבח. ווען עס האָט זיך אויס־געלאָזט דאָס האָלץ וואָס עס האָט געבראַכט איין משפחה, האָט עס דאַן מנדב געווען אַ צווייטע, א.ז.וו. האָט מען מתקן געווען, אַז אין דעם טאָג וואָס אַ משפחה האָט דאַן געבראַכט האָלץ, זאָל מען אין דעם טאָג נוצן פון איר האָלץ אויך אין דער צייט ווען ס'איז פאַראַן האָלץ אין דער לשכה, און דער

*) הוא יום ההילולא של הרה"ג הרה"ת וכו' מוהר"ר לוי יצחק ז"ל שניאורסאהן (אביו של כ"ק אדמו"ר שליט"א). נפטר בשנת תש"ד בעיר גליתו במחוז קאזאכסטאַן. ראשי פרקים מתולדות ימי חייו נדפסו בקובץ ליובאוויטש חוברת 4. לקוטי לוי"צ על תניא בסופו. המו"ל.

1) כו, א. — עשרים באב הוא ארבעים יום קודם ר"ה. ומצאתי ב„מנהגי הק"ק בית א"ל יכב"ץ" (נדפסו בס' דברי שלום): ביום ך לחודש אב עושים התרת נדרים שהוא ארבעים יום קודם ר"ה. — אבל לא ראיתי נוהגים כן (או עד"ז) בחב"ד. ולהעיר מהתחלת העבודה בר"ח אלול — שהוא מ' יום קודם יו"כ (שנק' ג"כ בשם ר"ה — יחזקאל מ, א. וראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א).

24) ראה ד"ה לך אמר לבי תרצ"ו ספ"ב. אני לדודי ש"ת פ"ג.

טאָג איז געווען דער יום טוב פון דער משפחה[2].

ווען דער משפחה וואָס האָט מנדב געווען האָלץ בעשרים באב, איז פאַראַן אין גמרא צוויי דיעות[3]: ר׳ מאיר זאָגט „הן הן בני דוד בן יהודא" און ר׳ יוסי זאָגט „הן הן בני יואב בן צרוי׳". ולכאורה, ווי איז שייכות אַ פלוגתא אין אַ מציאות? נאָך מער: ס׳איז דאָך „אלו ואלו דברי אלקים חיים"[4], איז ווי קען עס זיין בענינינו? ויש לומר, אַז די אויבנדערמאָנטע פלוגתא צווישן ר״מ און ר״י, איז ניט אין מציאות: צי ס׳איז געווען די משפחה אָדער אַן אַנדערע — נאָר בײדע רעדן וועגן איין און דער זעלבער משפחה וואָס האָט געשטאַמט פון ביידן, פון דוד׳ן און פון יואב׳ן (דורך זייער מתחתן זיין צווישן זיך[5]), און די מחלוקת פון ר׳ מאיר און ר׳ יוסי איז: דורך וועלכער מעלה און חשיבות פון דער משפחה, איז געקומען זייער מנדב זיין עצים למזבח בעשרים באב. ר׳ מאיר האַלט, אַז דער זכות פון דוד המלך האָט עס ביי זיי אַרויסגערופן, און ר׳ יוסי האַלט אַז דער זכות פון יואב בן צרוי׳ האָט עס ביי זיי אַרויס־גערופן[5*].

ב. אין וואָס איז באַשטאַנען דער גודל המעלה פון נדבת עצים בעשרים באב, וואָס צוליב דעם זוכט מען ביי דער משפחה אַ ספּעציעלע נתינת כח און זכות אבות?

די גמרא זאָגט[6]: „מחמשה עשר באב ואילך תשש כחה של חמה ולא היו כורתין עצים למערכה לפי שאינן יבשין" (פון חמשה עשר באב און ווייטער ווערט שוואַכער די קראַפט פון דער זון און פון דאַן אָן האָט מען שוין ניט געשניטן קיין ביימער פאַר דער מערכה (פון מזבח), ווייל זיי זיינען ניט טרוקן). דער דין איז[7] אַז ווערימדיק האָלץ איז פסול צום מזבח, און דעריבער, בשעת „תשש כחה של חמה", האָט מען חושש געווען אַז די עצים זיינען ווערימדיק.

די ערשטע נדבת עצים נאָך חמשה עשר באב איז געווען בעשרים באב. דאָס האָלץ האָט מען געמוזט שניידן פריער כנ״ל, און די בני המשפחה האָבן עס געבראַכט פאַרן מזבח בעש־רים באב, אין אַ צייט ווען קיין אַנדערע גוטע האָלץ האָט מען שוין ניט גע־קענט שניידן. ועוד: זיי האָבן געהאַט אינזינען כמה זמן אידער מ׳האָט גע־דאַרפט די האָלץ, חוקר זיין וועגן דעם וכו׳ און צוגרייטן אויף שפּע־טער[8]. און דעריבער האָט די נדבת עצים פון דעם טאָג, עשרים באב (און אויך די נדבה פון דער משפחה וואָס האָט מנדב געווען נאָך זיי — בעשרים באלול) אַ חשיבות וואָס איז

---

2) ראה בכ״ז שם כח, א. ובפירש״י (ד״ה שיו״ט) שם יב, א.

3) שם כח, א.

4) עירובין יג, ב. גיטין ו, ב. וראה זח״ב ו, ב.

5) ועי״ד מרז״ל (סוטה מג, א) בענין ב׳ הפירושים שבבנות פוטיאל.

*5) וראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 86 ואילך ובהערות שם.

6) תענית לא, א.

7) מדות פ״ב, מ״ה. רמב״ם הל׳ איסורי מזבח פ״ו, ה״ב.

8) בזה חשובה נדבתם מנדבת בני סנאה שנדבו עצים בחמשה עשר באב — כי לא היתה אצלם החקירה וההכנה מקודם כר. (ונוסף לזה: גם ביום זה עצמו הי׳ אפשרות לכרות עוד עצים (ואף שלשון הגמרא „מחמשה עשר באב ואילך תשש כחה של חמה", בהכרח לומר שגם בחמשה עשר עצמו כרתו עצים וכלשון הרשב״ם (ד״ה מניסן ב״ב קכא, ב): שבאותו יום היו משלימין מצוה גדולה).

ניטאָ באַ די נדבות פון יענע משפחות וואָס האָבן מנדב געווען פריער. וואָרום זיי האָבן געגעבן האָלץ אין אַ צייט ווען מען האָט עס געקענט שניידן פון דאָס ניי. און ווייל די נדבות פון נאָך חמשה עשר באב, זיינען געווען ספּעציעל חשוב, דעריבער קלערט די גמרא, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אַזאַ פּעולה חשובה ביי די משפחות [9].

ג. נאָך מער: די עצים אַליין זיינען קיין קרבן ניט געווען. מ'האָט זיי געדאַרפט האָבן למערכה אויף וועלכע מ'האָט מקריב געווען קרבנות. דער קרבן אַליין — וועלכן מ'האָט פאַרברענט אויף די עצים — איז ניט געווען דוקא זייערער, אָדער מקרבן צבור (וואָס זיי זיינען אַ טייל פון צבור) — עס זיינען געווען קרבנות פון אַלע אידן. ועוד יותר: צווישן די קרבנות זיינען געווען אויך חטאות, אשמות וכדומה, וואָס עס האָבן געבראַכט בעלי עבירות אַלס כפּרה אויף זינד. פונדעסטוועגן האָבן די משפחות חוקר געווען מיט אַ צייט פריער וכו' — כנ"ל — ניט צוליב זיך אַליין, נאָר בכדי צו אַרויסהעלפן אַ אידן וואָס איז דורכגעפאַלן אין אַן עבירה, אַז ער זאָל קענען מקריב זיין אַ קרבן וואָס זאָל אויף אים מכפּר זיין.

און נאָך אַ גרעסערע ענין: אַט־דער אָפּגעבן אַ זאַך וועלכע מען קען ניט קריגן, אויף צו אַרויסהעלפן אַ זינדיקן אידן, איז געווען מיט שמחה, ביז אַז מען האָט דעם טאָג, יום קרבן עצים, געמאַכט פאַר אַ יום טוב פון דער משפחה [10].

און אין דעם איז די פּלוגתא פון ר"מ מיט ר"י, צי דער כח פאַר אַזאַ הנהגה האָט זיך גענומען פון דוד המלך אָדער פון יואב בן צרוי'.

ד. די גמרא זאָגט [11]: „אילמלא דוד לא עשה יואב מלחמה ואילמלא יואב לא עסק דוד בתורה" — דאָס וואָס יואב האָט מצליח געווען אין זיינע מלחמות, איז עס דורך דעם זכות פון דוד'ן וואָס האָט זיך עוסק געווען אין תורה און דאָס וואָס דוד האָט געקענט לערנען תורה אָן טרדות [12], איז עס דורך דעם וואָס יואב איז געגאַנגען צוליב אים במלחמה.

(פון דעם וואָס די צוויי ענינים דרש'נט מען פון זעלבן פּסוק, איז אַ ראי' אַז ביידע ענינים האָבן אַ שייכות [13]). און דערפאַר יש לומר, אַז דאָס וואָס יואב האָט מצליח געווען מצד דעם עסק התורה פון דוד'ן, איז עס ניט בלויז מצד דוד'ס זכות, נאָר מצד דעם וואָס יואב האָט געהאַט אַ חלק אין דוד'ס תורה, וואָרום „אילמלא יואב לא עסק דוד בתורה", און דערפאַר האָט תורתו של דוד אים געהאָלפן).

---

9) שזהו גם טעם הפלוגתא בגמרא שם בענין בני עדין שהביאו בכ' באלול. — משא"כ בנדבת בני פרעוש שנדבו באחד בטבת לא היתה מעלה זו, כי נדבתם זו היתה שני' (שכבר נדבו בחמשה באב), ואי"ז דומה לעבודה חדשה, שכל התחלות קשות. ועוד ועיקר — שזה הי' לא בהתנדבות, כ"א עפ"י הגורל (תויו"ט תענית פ"ד, מ"ה). וק"ל.

10) וזה מתאים לעבודתו של אאמו"ר בעל ההילולא, שבלי הבט על גדלותו בגליא דתורה ובפנימיות התורה וכו', מסר עצמו להרבצת התורה ולהחזקת היהדות גם בין אנשים פשוטים, אף שסבל עבור עבודתו זו עינויים קשים וכו' וכו' ועד לגלות לפינה נדחת במחוז רחוק — קאזאכסטאן, ובכל זה, עשה עבודתו זו בשמחה.

11) סנהדרין מט, א.

12) חדא"ג מהרש"א שם.

13) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782.

דער חילוק צווישן די עבודה האמו־רה פון דוד׳ן מיט יואב׳ן איז: ביי בײדן איז געווען ביטול און מסירת נפש. נאָר דער ביטול פון דוד׳ן האָט זיך אין דער עבודה אויסגעדריקט בפועל אין לימוד התורה (וואָס דאָס איז דאָך די מעלה פון תורתו של דוד, אַז זיין לימוד איז געווען מיט ביטול, וואָס דערפאַר איז „והוי׳ עמו, שהלכה כמותו״) [14]), און דער ביטול און מסירת נפש פון יואב׳ן האָט זיך אויסגעדריקט אין דער עבודה פון האָבן צו טאָן מיט וועלט, ביז — מיט אומות העולם וואָס האָבן מנגד געווען, צו לוחם זיין מיט זיי, און אויפמאַכן דאָרט אַ דירה לו יתברך.

מצד ענין ההתכללות וואָס איז דאָ אין קדושה, האָט יעדער איינער פון זיי אַרויסגעהאָלפן דעם צווייטן [15]): יואב׳ס מלחמה האָט געהאָלפן דוד׳ן צו לערנען, און דוד׳ס לימוד התורה האָט געהאָלפן יואב׳ן צו מצליח זיין אין מלחמה. אָבער דאָך איז געווען אַן אונטערשייד צווישן זיי: דער עיקר ענין פון דוד׳ן דאַמאָלס איז געווען — תורה און ער איז געווען אָפּגעזונדערט פון וועלט, און דער עיקר ענין פון יואב׳ן איז געווען — מלחמה און טאָן אין וועלט.

און אין דעם באַשטייט די פלוגתא פון ר׳ מאיר מיט ר׳ יוסי, ווער איז געווען העכער: ר׳ מאיר איז פון לשון אור [16]), העכער פון (העלם ה)עולם [17]), דעריבער האָט ער זיך געקאָכט אין דעם ענין פון ביטול שבתורה אור — דוד, און ר׳ יוסי איז בגימטריא אלקים [18]), בגימטריא הטבע [19]), דערי־בער האָט ער זיך געקאָכט אין דער מעלה פון מלחמה און עבודת הבירורים — יואב [20]).

ה. נאָך אַ הסברה אין דעם: מיר געפינען בכמה מקומות [21]) אַ פלוגתא פון בבלי מיט ירושלמי צי מען איז מחוייב צו טאָן אַ הכבדה קלה בכדי אַז לאחר זמן זאָל אַרויסקומען דערפון אַ תועלת גדולה. שיטת הירושלמי איז אַז וויבאַלד די הכבדה איז שלא בערך אַנטקעגן די תועלת, איז כאָטש

---

14) סנהדרין צג, ב. וראה ד״ה וידבר וד״ה ביום השני תרכ״ז.

15) ולכן נקראו שניהם עדיני העצני (פירש״י ד״ה בני עדין), שבשם זה מרומזים ב׳ העבודות, תורה ומלחמה (בירורים), כדאי׳ במו״ק טז, ב והובא בפירש״י שם.

16) ראה עירובין יג, ב.

17) שלכן, בתורתו של ר״מ מצאו כתוב כתנות אור (באל״ף — ב״ר פ״כ, יב), שלא הסתיר לגבי׳ כו׳ (דרמ״צ ח, א). שזהו דוגמת קודם חטא עה״ד (ראה תו״א ה, ב). שמטעם זה הי׳ יכול לומר גם על טמא טהור כו׳ (לקו״ת תזריע כד, ד).

18) זח״ג רכג, א (וראה סנה׳ נג, א) ד״ה וככה תרל״ז פ״פ. — ועיי״ש בענין הפלוגתא דר׳ יהודא ור׳ יוסי, שמזה מובן שגם ר׳ יהודא הוא למעלה מענין הבירורים כו׳ (ואף שיהודא הוא מלשון הודאה (בחינת מלכות (תו״א מד, א)), י״ל שהו״ע ההודאה והביטול דיחו״ע (כדמוכח בד״ה וככה שם. וראה תו״א מה, ד), ע״ד הביטול דדוד (אף שענינו — מלך ישראל) בתורה, כנ״ל), ולכן ס״ל לר׳ יהודא (בענין בני עדין) כר״מ.

19) פרדס שער י״ב פ״ב. ובשל״ה שער האותיות אות קדושה בהגה״ה ד״ה והנה מוסיף על הראשונות (פט, א) משמע קצת שכן הוא בזהר.

20) ובי׳ הענינים נרמזו במשנה שם: בני פחת מואב בן יהודא. פחת מואב (רות המואבי׳ — רש״י ותוס׳ שם) — בירורים (נשמות הגרים), יהודא — בחינת אור (כדלעיל הערה 18). ושניהם — דוד ויואב — באו מיהודא ומרות, שלכן גם בדוד הי׳ ענין הבירורים, וגם ביואב — תורה (שלכן עזרו אחד להשני, כנ״ל), אלא שעיקרו של דוד — תורה, ושל יואב — בירורים.

21) ראה לקמן ע׳ 1336.

אַז די תועלת וועט ערשט אַרויסקומען לאחר זמן, איז מען מחוייב צו טאָן עס. און שיטת הבבלי איז אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיטן מצב ההוה: וויבאַלד אַז די הכבדה איז שוין איצט און די תועלת וועט ערשט זיין לאחר זמן, איז הגם אַז די תועלת איז אַ גרעסערע, וועגט זי ניט איבער די הכבדה שבהוה.

די תועלת וואָס דוד האָט געקענט לערנען תורה בלב פנוי, איז טאַקע פיל גרעסער פון די שווערקייט וואָס יואב האָט געהאַט ביי זיין גיין אין מלחמה, אָבער זי איז געקומען לאחר הליכת יואב במלחמה. במילא, איז לויט שיטת הירושלמי, האָט יואב געדאַרפט גיין במלחמה, און לשיטת הבבלי, האָט יואב געטאָן אַ זאַך אין וועלכע ער איז ניט געווען מחוייב. און דעריבער, איז ר' מאיר — אור (ישר, ירושלמי) — האַלט, אַז דער עיקר גרויסקייט איז געקומען פון דוד'ן, וואָרום יואב איז דאָך געווען מחוייב צו מלחמה האַלטן, און ר' יוסי — (בירור הטבע — במחשכים, בבלי) — האַלט, אַז דער עיקר גרויסקייט איז געקומען פון יואב'ן, וואָרום ער האָט געטאָן אַ זאַך אין וועלכע ער איז ניט געווען מחוייב.

ז. דער לימוד פון הנ"ל איז:

בשעת איינער האָט אַ זאַך וואָס אַן אַנדערע אַזאַ — קען מען ניט קריגן אויף דער גאַנצער וועלט, דאַרף ער גרייט זיין דאָס צו אָוועקגעבן צוליב העלפן אַ צווייטן אידן, אפילו אַזאַ וואָס איז נכשל געוואָרן אין אַ חטא, און אפילו אַז ס'וועט גאָר ניט אָנגערופן ווערן אויף זיין נאָמען. און נאָך מערער: ער דאַרף עס האַלטן פאַר אַ זכות וואָס אַ צווייטער איד איז געהאָלפן געוואָרן דורך אים, ביז אַז ער איז בשמחה אמיתית און ער מאַכט דערפון אַ יום טוב משפחה.

ובכדי צו פועל'ן דעם חוש ביי בנים („הן הן בני דוד כו' הן הן בני יואב כו'") — כפשוטו אָדער ביי „בניך אלו התלמידים"[22]), דאַרף זיין די אייגענע הנהגה דורכגענומען מיט דער תנועה פון מסירת נפש. און — סיי דער וואָס איז אַ יושב אוהל און עיקר ענינו איז תורה, סיי דער וואָס איז אַ בעל עסק און עיקר ענינו איז מלחמת ועבודת הבירורים, דאַרף זיין עבודה זיין מיט ביטול ומסירת נפש.

און דאַן האָדעוועט מען אויף אַ דור וואָס איז גרייט צו אָוועקגעבן, און אָוועקגעבן בשמחה, וואָס זיי האָבן, צוליב אַ צווייטן אידן. וגדולה מעלת אהבת ישראל, אהבת חנם[23]), (היפך פון שנאת חנם וועלכע האָט געבראַכט דעם חורבן[24]), אַז זי וועט ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, בקרוב ממש.

(משיחות כ' מנ"א תשי"א)

---

22) ספרי ואתחנן ו, ז.

23) ראה גם ליקוטי שיחות ח"ב ע' 598 ובהנסמן שם.

24) יומא ט, ב.

# ראה

א. אויפן פסוק[1] „כי ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך כאשר דבר לך ואמרת אכלה בשר כי תאוה נפשך לאכל בשר וגו׳“, זאָגט די גמרא[2] „ר׳ ישמעאל אומר, לא בא הכתוב אלא להתיר להם בשר תאוה, שבתחילה נאסר להם בשר תאוה, משנכנסו לארץ הותר להם בשר תאוה“ (דער פסוק קומט נאָר צו מתיר זיין בשר תאוה, אַז אידן זאָלן מעגן עסן אויך סתם פלייש, ניט פון קדשים, וואָרום פון אַנפאַנג, אין מדבר, איז פאַר זיי געווען אסור בשר תאוה, פון זינט זיי זיינען אַריין אין ארץ ישראל, איז עס פאַר זיי מותר געוואָרן). אַזוי ברענגט אויך רש״י אין זיין פירוש על התורה[3]: „אבל במדבר נאסר להם בשר חולין“ (אָבער אין מדבר איז פאַר זיי געווען אסור פלייש פון חולין).

אָט־דער פירוש פון פסוק איז נאָר לויט ר׳ ישמעאל׳ן, דער דין בלייבט אָבער ווי ר׳ עקיבא, וואָס האַלט[4], אַז אַריינקומענדיק אין ארץ ישראל איז ניט צוגעקומען קיין היתר בנוגע אכילת בשר, ווייל אויך אין מדבר האָט מען געמעגט עסן בשר תאוה — אדרבה, לויט ר׳ עקיבא׳ן אין אַריינ־קומענדיק אין ארץ ישראל צוגעקומען אַן איסור: „שבתחילה הותר להן בשר נחירה, משנכנסו לארץ נאסר להן בשר נחירה“ (פריער, אין מדבר, איז פאַר זיי געווען מותר בשר נחירה, ניט קיין גע׳שחט׳ן פלייש, און פון זינט זייער אַריינקומען אין ארץ ישראל איז פאַר זיי אסור געוואָרן בשר נחירה). לויט ר׳ עקיבא׳ן איז דער פשט[5] פון פסוק „כי ירחיב גו׳ תאכל בשר“, אַז דער פסוק קומט צו לערנען „דרך ארץ“, אַז מען זאָל ניט גלוסטן צו עסן פלייש, נאָר „מתוך רחבת ידים ועושר“. אויך די דרשה ברענגט רש״י אין זיין פירוש על התורה[5].

דאָס וואָס רש״י ברענגט די דרשה פון ר׳ ישמעאל׳ן, אַז „במדבר נאסר להם בשר חולין“, הגם אַז די הלכה בלייבט ניט ווי ער, איז קיין פלא ניט, וואָרום „אלו ואלו דברי אלקים חיים“[6] — און רש״י, וואָס איז ניט קיין פוסק נאָר אַ מפרש[7] ובפרט אין זיין פירוש אויף תנ״ך, האָט ער צוליב אַ געוויסן טעם דאָ אויסגעקליבן די דרשה פון ר׳ ישמעאל׳ן. ס׳איז אָבער ניט מובן, ווי אַזוי ברענגט רש״י ביידע דרשות, סיי פון ר׳ ישמעאל און סיי פון ר׳ עקיבא, גלייך איינע נאָך די אַנדערע, כאָטש זיי זיינען לכאורה קעגנגעזעצטע פירושים אויפן פסוק: אויב דער „כי ירחיב“ מיינט הרחבת גבולים כפשוטה, וואָס דאָס גייט אויף דער כניסה לארץ ישראל — כדרשת ר׳ ישמעאל — ווי קען מען דערפון גלייכצייטיק אַרויסלערנען, אַז מ׳קען עסן פלייש אויך אין חוצה לארץ (אָבער נאָר) „מתוך רחבת ידים“. און אויב דער פסוק גייט אויף רחבת ידים,

1) דברים יב, כ.

2) חולין טז, ב.

3) חולין יז, א. רמב״ם פ״ד מהל׳ שחיטה הי״ז.

4) ראה פירש״י ד״ה בשר תאוה חולין שם.

5) דברים יב, כ. והוא מחולין פד, א.

6) עירובין יג, ב. גיטין ו, ב.

7) יד מלאכי כללי רש״י ס״ב וש״נ.